# משיחות ש״פ חיי שרה תשל״ב

ד. אין די שיחתן של עבדי אבות ווערט דערציילט (ח"ש כד, ג ואילך) ווי אברהם האט געזאגט אליעזר'ן "לא תקח אשה לבני מבנות הכנעני אשר אנכי יושב בקרבו, כי אל ארצי ואל מולדתי תלך ולקחת אשה לבני ליצחק", און דערנאך האט איס אליעזר געפרעגט "אולי לא תאבה האשה ללכת אחרי וגו'", און אברהם האט אים געענטפערט "ה' אלקי השמים אשר לקחני מבית אבי ומארץ מולדתי וגו' הוא ישלח מלאכו לפניך ולקחת אשה לבני משם".

אזוי ווי ס'איז רגיל לערנען אלעמאל א פירוש רש"י על הכתוב, איז בהמשך צו דעם וואס מ'האט גערעדט פריער (בהמאמר) וועגן יפה שיחתן של עבדי אבות וועט מען זיך שטעלן אויף דער רש"י פונעם פסוק "ה' אלקי השמים אשר לקחני מבית אבי", וואס דאס איז קאפיטל כ"ד פסוק ז', אין דעם דבור-המתחיל הא'.

רש"י שטעלט זיך אויף די ווערטער "ה' אלקי השמים אשר לקחני מבית אבי" און זאגט אויף דעם א גאנצע אדיכות; וואס בשעת מ'לערנט די רש"י מיט קינדער, אדער בשעת מ'לערנט דאס פאר זיך אין שנים מקרא ואחד תרגום, לערנט מען דאס אפ ווי עס וואלט געווען א גלאטע רש"י, אבער באמת כד-דייקת-שפיר איז אין דער רש"י פאראן א המון דיוקים, און ניט נאר א המון דיוקים נאר אויך א המון קושיות.

אע"פ או אויף דעם ערשטן ד"ה בפרש"י אין אט דעם פסוק שטעלן זיך כמעט ניט מפרשים - איז דאס ווייל די מפרשים אויף פרש"י זייען בעיקר מפרש פרש"י ע"ד ההלכה, ע"ד הרמז, ע"ד הדרוש, און ע"ד הסוד - וואס בנוגע -

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ב א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 153 הודפס ע"י ...

[וואס בנוגע דרך הסוד איז דאס בעיקר דער פי' פון מהר"ל מפראג, גור ארי', וואס בכמה מקומות לערנט ער איין פרש"י ע"ד הסוד שבתורה], ד.ה. אז זיי גלייכן אויס פרש"י ווי עס שטימט מצד אט די דרכים שבתורה (אבער ניט ווי עס איז מצד פשוטו של מקרא), וכמדובר כמה פעמים – ובמילא ווייזט אויס אז אין אט דעם פסוק האבן זיי געהאלטן אז עס איז אליין פארשטאנדיק ווי אט דער פרש"י שטימט מיט דעם דרך ההלכה וכו', ובמילא האבן זיי כמעט ווי גארניט מפרש געווען אויף אט דעם פסוק,

אבער בשעת מ'לערנט פרש"י ע"ד הפשט אין פשוטו של מקרא פאר א בן–חמש–למקרא בפשטות הענינים (וואס בנוגע דעם דרך הלימוד בפרש"י שטעלן זיך די מפרשים בדרך כלל ניט אפ) – איז אט די רש"י אינגאנצן ניט פארשטאנדיק מתחלתו ועד סופו, סיי אין די ווערטער וועלכע רש"י איז מעתיק פון פסוק, סיי אין דעם עצם פירוש רש"י, ועאכו"כ בשעת מ'פארגלייכט רש"י מיט די אנדערע ערטער פון וואנעט רש"י נעמט זיין פירוש.

ועל הסדר: א) דער ערשטער דיוק אין רש"י בנוגע די ווערטער וועלכע רש"י איז מעתיק פון פסוק, (ווי גערעדט כמה פעמים אז רש"י איז מדויק בחסיר ויתיר אויך אין ווערטער וועלכע ער איז מעתיק פון פסוק), איז אין דעם פירוש רש"י פאראן אן ענין של יתיר, און ניט איין מאל נאר צוויי מאל, אין די ווערטער וועלכע ער איז מעתיק פון פסוק.

די ערשטע זאך: פארוואס ברענגט רש"י אראפ פון פסוק דעם ווארט "ה'"? רש"י'ן איז דאך לכאורה שווער די ווערטער "אלקי השמים", אז פריער שטייט "אלקי השמים ואלקי הארץ" און דא שטייט נאר "אלקי השמים", האט רש"י געדארפט מעתיק זיין נאר די ווערטער "אלקי השמים" – פארוואס ברענגט רש"י אראפ אויך דעם ערשטן ווארט פון פסוק "ה'"?

מ'קען ניט זאגן אז וויבאלד די ווערטער "אלקי השמים" קומען בהמשך צו "ה'", דאס איז איין המשך, "ה' אלקי השמים", און דאס איז בלויז איין ווארט – איז וויבאלד רש"י מוז מעתיק זיין די ווערטער "אלקי השמים", דערפאר איז ער שוין מעתיק דעם ווארט "ה'" ווייל ער וויל ניט אז דאס זאל בלייבן אליין אן איינציקער ווארט – ווארום מ'געפינט דאך כמה פעמים אז רש"י ברענגט אראפ נאר די ווערטער וועלכע זיינען נוגע צו זיין פירוש אפילו דארט וואו עס איז בלויז איין ווארט און דער ווארט קומט בהמשך צו די שפעטערדיקע ווערטער; און מ'דארף ניט זוכן צו ווייט – מ'געפינט דאס אין דער פרשה גופא, מיט א פאר פסוקים פריער: דארט שטייט "ויאמר אברהם אל עבדו זקן ביתו", און רש"י איז מפרש די ווערטער "זקן ביתו" פארוואס עס שטייט דער ניקוד פון "זקן" באופן כזה, און ער איז מעתיק נאר די צוויי ווערטער "זקן ביתו" וואס דאס איז נוגע לפירושו, אבער ניט דעם ווארט "עבדו", אע"פ אז דאס איז איין ווארט און דאס קומט אין איין המשך, "עבדו זקן ביתו"; האט ער דא אויך געדארפט אזוי טאן, מעתיק זיין נאר די ווערטער "אלקי השמים" וואס זיי זיינען נוגע לפירושו, פארוואס איז ער מעתיק אויך דעם ווארט "ה'"?

– דער צווייטער –

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ב א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 154 הודפס ע"י אוצר החכמה

דער צווייטער ענין: פארוואס איז רש"י מעתיק פון פסוק די ווערטער "מבית אבי"? מילא דאס וואס רש"י איז מעתיק די ווערטער "אשר לקחני", דאס איז דאך נוגע בפירושו, ווי רש"י זאגט אז כשלקחני איז דער אויבערשטער געווען בלויז אלקי השמים; אבער פארוואס דארף רש"י מעתיק זיין די ווערטער "מבית אבי"? וואס איז נוגע אין דעם ענין פון וואנעט דער אויבערשטער האט אים גענומען, צי פון ארצך אדער פון מולדתך אדער מבית אביך? די איינציקע זאך וואס איז נוגע בפירוש רש"י איז אז פריער בשעת דער אויבערשטער האט גענומען אברהם'ן פון זיין ארט (וואו עס זאל ניט זיין) איז דער אויבערשטער געווען נאר "אלקי השמים" ועכשיו איז ער "אלקי השמים ואלקי הארץ", אבער די אלע פרטים וואו ער איז פריער געווען, איז דא ניט נוגע, האט רש"י ניט געדארפט מעתיק זיין די ווערטער "מבית אבי"?

אע"פ אז רש"י בפירושו חזר'ט אויך איבער די ווערטער, ווי ער זאגט "אבל כשלקחני מבית אבי", איז אבער אויף דעם גופא די זעלבע שאלה: וואס איז רש"י'ן נוגע צו מדייק זיין אז דער לקחני איז געווען מבית אבי, ווארום ווי געזעט, איז דער ארט פון וואנעט דער אויבערשטער האט גענומען אברהם'ן דא ניט נוגע?

און בשעת מ'פארגלייכט די רש"י מיט דאס וואס ער זאגט אין ספרי אין האזינו (פיסקא שיג), (הער מקור אויף דער רש"י) - ווערט די קשיא נאך שטארקער: דארטן זאגט ער טאקע ניט די ווערטער "מבית אבי", דארטן זאגט ער אז פריער איז דער אויבערשטער געווען נאר אלקי השמים, ווי עס שטייט "ה' אלקי השמים אשר לקחני", אבער די ווערטער "מבית אבי" ברייננגט ער ניט ווארום דאס איז טאקע ניט נוגע צום ענין; איז פארוואס איז רש"י משנה פון ספרי און איז מוסיף [illegible] די ווערטער "מבית אבי"? און דאס איז גאר א פארקערטער סדר: דער ספרי לערנט דאך ע"ד ההלכה אדער ע"ד הדרוש, וואלט דארט געקענט זיין אז מ'זאל אויסטייטשן דעם ענין מער בפרטיות, ווארום בלימוד ע"ד ההלכה איז מען דאך מדייק און מרמז ענינים מיט ווערטער וכו', קען מען זאגן איבעריקע ווערטער אויף צו מרמז זיין ענינים וכו', איז לפועל דארט ברייננגט ער ניט די ווערטער "מבית אבי", און רש"י וואס ער לערנט פשוטו של מקרא, וואס אין לימוד בדרך הפשט זאגט מען בלויז וואס מ'דארף האבן צום פשט, און ניט מער, אעפ"כ דא וואס די ווערטער "מבית אבי" זיינען אינגאנצן ניט נוגע לכאורה, ברייננגט ער יע די ווערטער "מבית אבי"?

דערנאך איז רש"י ממשיך זיין פירוש, און ער הייבט גלייך אן: "ולא אמר אלקי הארץ ולמעלה אמר ואשביעך וגו'", אז אין דעם פסוק וואס הייבט זיך אן "ואשביעך וגו'" שטייט יע "אלקי השמים ואלקי הארץ".

איז ניט מובן: ב) לכאורה האט רש"י ניט געדארפט מוסיף זיין "ואשביעך וגו'", ווארום ער דארף ניט געבן קיין סימן וואו עס שטייט פריער "אלקי השמים ואלקי הארץ", ער האט נאר געדארפט זאגן אז ולמעלה זאגט ער דאס יע, וואלט דער קינד שוין אליין פארשטאנען - וואס רש"י מיינט, -



הנחת הת' בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ב א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 155 הודפס ע"י או

וואס רש"י מיינט, עאכו"כ אז מ'דארף דאס ניט זוכן צו ווייט, אפילו ניט אין התחלת סדרה, דאס שטייט גלייך דא מיט א פאר פסוקים פריער, וואלט דער בן חמש למקרא אליין געוואוסט וואו עס שטייט פריער "אלקי השמים ואלקי הארץ", ווייל ער האט עס אט ערשט געלערנט מיט א פאר פסוקים פריער, איז פארוואס דארף עס רש"י געבן א סימן "ולמעלה אמר ואשביעך וגו'"?

און אויב רש"י וויל שוין יע אראפבריינגען וואס עס שטייט פריער, האט ער ניט געדארפט זאגן "ולמעלה אמר ואשביעך וגו'", נאר "ולמעלה אמר אלקי השמים ואלקי הארץ" ווארום דאס איז דאך דער עיקר – די גאנצע קשיא איז דאך פון דעם וואס עס שטייט "אלקי השמים ואלקי הארץ" אבער ניט פון דעם ווארט "ואשביעך"? ער איז דאס טאקע מרמז מיט'ן "וגו'", אבער אעפ"כ האט ער בעסער דעם ווארט "ואשביעך" ניט געדארפט זאגן, און אראפבריינגען בלויז די ווערטער "אלקי השמים ואלקי הארץ"?

און בשעת מ'גיט א קוק אין ספרי שטייט טאקע אזוי: אין ספרי זאגט ער אז אברהם אבינו האט אויפגעטאן אז דער אויבערשטער זאל זיין ניט נאר אלקי השמים נאר אויך אלקי הארץ, "כענין שנאמר ואשביעך בה' אלקי השמים ואלקי הארץ"; איז אין ספרי, וואס דער ספרי לערנט ניט ע"ד הפשט פאר א בן חמש למקרא, נאר ע"ד ההלכה אדער ע"ד הדרוש וכו', וואס מצד דעם דארף מען לכאורה ניט אויס-טייטשן אזוי מפורש דעם ענין, איז אעפ"כ פארלאזט ער זיך ניט אז מ'וועט דאס אליין פארשטיין, נאר ער שרייבט מפורש די ווערטער וועלכע זיינען נוגע אין דעם ענין, אבער רש"י, וואס ער לערנט פאר א בן חמש למקרא, וואס מצד דעם וואלט ער געדארפט זאגן דעם ענין מער בפירוש, שרייבט ער נאר "ואשביעך וגו'", און די ווערטער "בה' אלקי השמים ואלקי הארץ" ברייינגט ער ניט?

און דאס איז א דבר והיפוכו: פריער בנוגע די ווערטער "מבית אבי", וואס אין לימוד בדרך הפשט זיינען די ווערטער ניט נוגע צום ענין, ברייינגט עס רש"י יע, משא"כ אין ספרי לאזט ער זיי ארויס, און די ווערטער "בה' אלקי השמים ואלקי הארץ", וואס אין לימוד ע"ד ההלכה איז דאס ניט אזוי נוגע צו מפרש זיין, משא"כ אין לימוד בדרך הפשט פאר א בן חמש למקרא דארף מען זיי לכאורה יע ברייינגען אויף אויסטייטשן דעם ענין מפורש, איז דער ספרי ברייינגט יע די ווערטער, אבער רש"י ברייינגט ניט אראפ די ווערטער?

דערנאך איז רש"י ממשיך בפירושו: "א"ל עכשיו הוא אלקי השמים ואלקי הארץ שהרגלתיו בפי הבריות, אבל כשלקחני מבית אבי הי' אלקי השמים ולא אלקי הארץ שלא הי' באי עולם מכירים בו ושמו לא הי' רגיל בארץ".

איז ניט מובן: ג) פון דעם וואס רש"י זאגט "אמר לו עכשיו הוא אלקי השמים ואלקי הארץ" אין דעם פסוק איז מובן אז רש"י מיינט צו זאגן אז אין דער אמירה פון דעם פסוק האט אברהם געזאגט צו אליעזר'ן ניט נאר וואס עס שטייט בפירוש אין פסוק "ה' אלקי השמים אשר לקחני וגו'", נאר אויך אז עכשיו איז דער אויבערשטער

– אלקי השמים –



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ב א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 156 הודפס ע"י א

אלקי השמים ואלקי הארץ - ולכאורה וואו שטייט עס אין פסוק? - דא אין פסוק שטייט נאר "ה' אלקי <u>השמים</u> אשר לקחני וגו'", איז פון וואנעט איז די ראי' אז אברהם האט אים אויך געזאגט אז "עכשיו הוא אלקי השמים ואלקי הארץ וכו'"?

מ'קען ניט זאגן אז רש"י מיינט דאס וואס עס שטייט פריער "ואשביעך בה' אלקי השמים ואלקי הארץ", אז דאן האט ער אים געזאגט "עכשיו הוא אלקי השמים ואלקי הארץ שהרגלתיו וכו'" - ווארום דא איז א באזונדער אמירה וואס איז געקומען לאחרי זה וואס אליעזר האט געפרעגט אברהם'ן "אולי לא תאבה האשה ללכת אחרי וגו'", ד.ה. אז פריער שטייט "ויאמר אברהם אל עבדו גו' ואשביעך בה' אלקי השמים ואלקי הארץ וגו'" וואס דאס איז איין אמירה, דערנאך האט אים אליעזר געפרעגט "אולי לא תאבה האשה ללכת אחרי וגו'", און אויף דעם האט אים אברהם געענטפערט א באזונדער אמירה, "ויאמר אליו אברהם וגו' ה' אלקי השמים אשר לקחני מבית אבי וגו' הוא ישלח מלאכו לפניך וגו'",

און אזוי מוז מען לערנען כפשוטו, ווארום אילו יצוייר אז אליעזר וואלט ניט אריינגעפאלן אין מרה שחורה און וואלט ביטחון געפרעגט "אולי לא תאבה האשה ללכת אחרי וגו'" וואלט אים אברהם גאר ניט געזאגט דעם גאנצן ענין אז "ה' אלקי השמים גו' הוא ישלח מלאכו לפניך" און עס וואלט געבליבן בלויז דאס וואס אברהם האט אים פריער געזאגט, מוז מען דאך זאגן אז דאס איז א באזונדער אמירה.

און אויף דעם איז רש"י מפרש אז "אמר לו עכשיו וכו'", ובפרט אז רש"י איז מקדים "אמר לו וכו'", וואס דאס באווייזט אז יעצט האט ער עס אים געזאגט, און ווי מ'זעט אויך אז פריער שטעלט זיך רש"י ניט אויף דעם, דוקא אויף דעם פסוק שטעלט ער זיך און ברייגנגט אראפ דעם גאנצן ענין, איז דאך מוכרח אז דאס האט ער אים יעצט געזאגט.

איז לפי"ז ניט מובן: פון וואנעט נעמט רש"י אז בדיבור זה האט אברהם געזאגט אליעזר'ן אז "עכשיו הוא אלקי השמים ואלקי הארץ וכו'"? בפשטות וואלט מען געדארפט לערנען אז ער האט אים געזאגט בלויז דעם צווייטן ענין אז "כשלקחני מבית אבי הי' אלקי השמים ולא אלקי הארץ שלא הי' באי עולם מכידים בו" וואס דערפאר זאגט ער דא אין פסוק "ה' אלקי <u>השמים</u> אשר לקחני מבית אבי".

דערנאך קומען צו די דיוקים: ד) פארוואס הייבט רש"י אן "עכשיו הוא אלקי השמים ואלקי הארץ שהרגלתיו בפי <u>הבריות</u>", און דערנאך זאגט ער "אבל כשלקחני מבית אבי הי' אלקי השמים ולא אלקי הארץ שלא היו <u>באי עולם</u> מכירים בו", ד.ה. פארוואס איז רש"י משנה זיין לשון אז פריער שרייבט ער "הבריות" און דערנאך זאגט ער "באי עולם"? ממה-נפשך, אויב רש"י וויל מדייק זיין "בפי הבריות", האט ער געדארפט שפעטער אויך שרייבן אט דעם לשון, און אויב ער וויל נוצן דעם לשון "באי עולם", האט ער פריער אויך געדארפט אזוי זאגן?

- ה) פריער זאגט -

<u>הנחת הה' בלתי מוגה</u>



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ב א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 157 הודפס ע"י או

ה) פריער זאגט רש"י נאר איין ענין "שהרגלתיו בפי הבריות", און דערנאך פירט אויס רש"י צוויי ענינים; א) "שלא הי' באי עולם מכירים בו", ב) "ושמו לא הי' רגיל בארץ", וואס וויבאלד אז רש"י הייבט אן בלויז מיט איין ענין האט ער צום סוף אויך געדארפט זאגן נאר איין פרט, און ווי ס'איז משמע איז דאס וואס רש"י שרייבט "ושמו לא הי' רגיל בארץ" גייט דאס בניגוד דעם וואס רש"י האט פריער געשריבן "שהרגלתיו בפי הבריות", ולפי"ז, וויבאלד אז רש"י זאגט אז לכתחלה איז אויך געווען דאס וואס "שלא הי' באי עולם מכירים בו", האט ער געדארפט זאגן אזא ענין פריער אויך בנוגע אם דאס וואס אברהם האט יע אויפגעטאן, אז ער האט געפועל'ט עס זאל יע זיין מכירים בו?

און ווי גערעדט כמה פעמים דארפן די אלע דיוקים זיין מוכרח בפשטות הכתובים פאר א בן חמש למקרא, מיט נאך כמה דיוקים כפי שיתבארו בדרך ממילא ע"י הביאור אין דער רש"י, און מ'דארף ניט אנקומען צום פירוש פון שפתי חכמים, נאר דער בן חמש למקרא פארשטייט אליין די אלע ענינים, ובדרך הפשט, פון פירוש רש"י עצמו, אז רש"י איז מוכרח בדרך הפשט מעתיק זיין פון פסוק די ווערטער "מבית אבי", אע"פ אז בדרך ההלכה אדער בדרך הדרוש איז ניטא קיין הכרח ברייגנען די ווערטער מבית אבי, ס'איז אבער דא א הכרח בדרך הדרוש וכו' ברייגנען די ווערטער "ואשביעך בה' אלקי השמים ואלקי הארץ", משא"כ בדרך הפשט איז ניטא קיין הכרח ברייגנען די ווערטער "בה' אלקי השמים ואלקי הארץ", וואס דערפאר זאגט רש"י נאר "ולמעלה אמר ואשביעך וגו'".

און ס'איז אויך פארשטאנדיק פארוואס רש"י מוז מוסיף זיין "ואשביעך וגו'", ווייל לכאורה איז דא ניט מובן נאך אן ענין: וויבאלד אז פריער שטייט "ואשביעך", ד.ה. אז עס רעדט זיך וועגן דעם וואס אברהם אבינו באשווערט אליעזר'ן אז "לא תקח אשה לבני מבנות הכנעני", איז פארוואס האט אברהם אבינו געדארפט זאגן "בה' אלקי השמים ואלקי הארץ", אפילו אויב ער וואלט ניט מדגיש געווען אז ער איז "אלקי הארץ", ער וואלט נאר געזאגט "בה' אלקי השמים" אליין, וואלט אליעזר אויך מקיים געווען די שבועה, ווארום ווי רש"י זאגט פריער (לך טו, ב) איז אליעזר געווען "דולה ומשקה מתורת רבו", און ווי עס שטייט דא אויך "עבדו זקן ביתו", איז אפילו אויב אברהם וואלט נאר געזאגט "ואשביעך בה' אלקי השמים" וואלט דאס פאר אליעזר'ן אויך געווען גענוג.

ואדרבא: שפעטער וואו אברהם האט געזאגט "ה' אלקי השמים אשר לקחני וגו' הוא ישלח מלאכו לפניך", דארטן וואלט יע געדארפט שטיין "ואלקי הארץ", ווארום דארט רעדט זיך וועגן ארויסנעמען רבקה פון לבן און בתואל (ווי אליעזר האט געפרעגט "אולי לא תאבה האשה ללכת אחרי") דארף מען אנקומען צו "ואלקי הארץ", אבער דא האט ער דאס לכאורה ניט געדארפט זאגן.

און דאס איז טאקע רש"י'ן שווער, וואס דערפאר ברייגנט ער אראפ "ולמעלה אמר ואשביעך וגו'", אז וויבאלד דארט שטייט "ואשביעך" - אז אברהם באשווערט -

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ב א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 158 הודפס ע"י א

אז אברהם באשווערט אליעזר׳ן, איז ניט אזוי נוגע זאגן "ואלקי הארץ", ווארום דאס אליין וואס ער באשווערט עס בה׳ אלקי השמים איז פאר אליעזר׳ן אויך גענוג, און ער וואלט מקיים געווען די שבועה, במילא פרעגט רש"י די שאלה, פארוואס עפעס דארטן זאגט ער אויך "ואלקי הארץ" און דא זאגט ער נאד "ה׳ אלקי השמים", עס האט געדארפט זיין פונקט פארקערט, דארטן וואו עס שטייט "ואשביעך" איז גענוג עס זאל שטיין "ה׳ אלקי השמים", אבער דא וואו דאס קומט בהמשך צו דעם וואס אליעזר האט אים געפדעגט "אולי לא תאבה האשה ללכת אחרי", און אויף דעם ענטפערט אים אבדהם "ה׳ אלקי השמים וגו׳ הוא ישלח מלאכו לפניך ולקחת אשה לבני משם", ד.ה. אז דא רעדט זיך וועגן אדויסנעמען רבקה פון לבן ובתואל, איז דא דארף מען שוין אנקומען אז דער אויבעדשטער איז ניט נאר "אלקי השמים" נאר אויך "ואלקי הארץ", האט אברהם אבינו געדארפט זאגן "ה׳ אלקי השמים ואלקי הארץ"?

דערפאר ברייננט רש"י אראפ "ואשביעך וגו׳", און דערפאר זאגט ער אויך אז אברהם האט געזאגט אליעזר׳ן "עכשיו הוא אלקי השמים ואלקי הארץ", מיט די אלע פרטים שבזה, וכפי שיתבאר לקמן.

ד. בנוגע דעם ביאור אין פגרוש רש"י: דאס וואס רש"י איז מעתיק פון פסוק אויך דעם ווארט "ה׳", איז עס ווייל דאס איז אויך א חלק פון רש"י׳ס קשיא: וויבאלד אז דא שטייט "ה׳" איז פארוואס דארף בכלל שטיין "אלקי השמים", ער האט געקענט זאגן "ה׳ אשר לקחני מבית אבי"?

דערפאר איז רש"י מעתיק אויך דעם ווארט "ה׳", אויף צו באווארענען אז דא איז שווער ניט נאר וואס עס שטייט בלויז "אלקי השמים" און ניט "ואלקי הארץ" ווי אין דעם פריערדיקן פסוק, נאר דא איז אויך שווער פארוואס עס דאהפן בכלל שטייען די ווערטער "אלקי השמים", ווארום עס וואלט געווען גענוג אז אברהם אבינו זאל זאגן "ה׳ אשר לקחני מבית אבי"?

- מוז מען דאך -

הנחת הת׳ בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל״ב א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 170 הודפס ע״י או

מוז מען דאך זאגן אז דאס איז א פרט וואס איז נוגע אין דעם ענין, ד.ה. אז דאס איז א פרט אין דעם וואס אברהם האט געהייסן אליעזר'ן ניט נעמען א שידוך פאר יצחק'ן מבנות הכנעני נאר "אל ארצי ואל מולדתי תלך ולקחת אשה לבני ליצחק", וואס דערפאר האט ער געמוזט זאגן "ה' אלקי השמים אשר לקחני".

דער ביאור אין דעם: אברהם האט דא געהייסן אליעזר'ן אז "לא תקח אשה לבני מבנות הכנעני", און ער האט נאך צוגעלייגט: "אשר אנכי יושב בקרבו", אז אע"פ וואס ס'איז גרינגער נעמען פון די בנות הכנעני ווארום ס'איז "אנכי יושב בקרבו", פונדעסטוועגן זאל ער אזוי ניט טאן; ולכאורה, פארוואס האט אברהם געשיקט אהין-צו אליעזר'ן זוכן א שידוך און ער האט ניט געשיקט יצחק אליין? און ער האט נאך אנגעזאגט "רק את בני לא תשב שמה".

בפשטות איז דאס ווייל אברהם האט געוואלט אז יצחק זאל זיין לעבן עם ווייל דעמאלט איז ער אונטער זיין השגחה והשפעה, משא"כ אויב יצחק וואלט אוועקגעגאנגען פון אברהם'ן, וואלט ער מער ניט געווען אונטער זיין השפעה היות ער געפינט זיך ווייט פון עם, דעריבער האט ער אנגעזאגט "רק את בני לא תשב שמה".

אבער לפי"ז איז ניט פארשטאנדיק: מצד אט דעם טעם גופא וואלט אברהם געדארפט בעסער זוכן א שידוך פאר יצחק מבנות הכנעני, ווארום וויבאלד אז די בנות הכנעני געפינען זיך לעבן אברהם'ן, זיינען זיי דאך אונטער זיין השפעה, במילא האט אברהם געוויס גע'פועל'ט אז זיי זאלן זיך אויפפירן בעסער, איז אע"פ ס'איז דא א מעלה אין נעמען אן אשה מבית אבי ווארום דאס איז דאך אברהם'ס משפחה, ס'איז אבער אויך דא א מעלה אין נעמען אן אשה מבנות הכנעני ווארום זיי זיינען דאך נאענט צו אברהם'ן, ווי ער האט אליין געזאגט "אשר אנכי יושב בקרבו", ווייל זיי זיינען מער אונטער זיין השפעה?

און דאס איז וואס אליעזר האט געפרעגט "אולי לא תאבה האשה ללכת אחרי", אז אויב די אשה וועט ניט וועלן קומען מיט עם, איז דעמאלט קען ער אפשר נעמען אן אשה פאר יצחק מבנות הכנעני, אע"פ זיי זיינען בנות הכנעני, אבער וויבאלד זיי געפינען זיך לעבן אברהם אבינו האט ער דאך געוויס גע'פועל'ט אויף זיי?

אויף דעם האט אים אברהם געענטפערט: "ה' אלקי השמים אשר לקחני גו'", און ווי רש"י איז מפרש אז "אמר לו עכשיו הוא אלקי השמים ואלקי הארץ", אז דאס וואס ס'איז דא א מעלה אין די בנות הכנעני דאס איז מערניט וואס "עכשיו הוא אלקי השמים ואלקי הארץ", אז איך האב דאס אויפגעטאן עס זאל זיין "אלקי הארץ", ד.ה. אז איך האב זיי דערציילט אז ס'איז דא אן אויבערשטער, און דאס גופא איך אן אופן וואס "הרגלתיו בפי הבריות", בלויז "הרגלתיו", איינגע-וויינט, און נאר "בפי הבריות", אבער פאר דעם, כשלקחני מבית אבי, איז דער אויבערשטער געווען נאר "אלקי השמים", ד.ה. אז מצד עצמם האבן זיי יעצט אויך קיין שייכות ניט צו דעם, ווארום פריער איז ניט נאר וואס "שמו לא הי' רגיל בארץ", נאר "לא היו באי עולם

- מכירים בו", -



הנחת הת' בלתי מוגה

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ב א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 171 הודפס ע"י או

מכירים בו", אז מ'האט גארניט געהאט קיין שייכות צו אלקות, און יעצט האבן זיי בעצם זיך ניט געביטן, בלויז "הדגלתיו בפי הבריות" – במילא וויל איך ניט אז מ'זאל נעמען אן אשה לבני מבנות הכנעני, נאר מ'זאל זוכן א שידוך פון בית אבי דוקא.

דאס פארענטפערט רש"י פארוואס דא שטייט "אלקי השמים", און פארוואס דא שטייט נאר "אלקי השמים" און ניט "ואלקי הארץ", ווארום אליעזר האט געפרעגט ביי אברהם'ן "אולי לא תאבה האשה ללכת אחרי", איז אפשר קען מען דעמאלט נעמען אן אשה מבנות הכנעני, האט אים אויף דעם אברהם געענטפערט "ה' אלקי השמים אשר לקחני", אז בעצם איז ער בלויז "אלקי השמים", און יעצט איז בלויז "הרגלתיו וכו'",

און דאס מיינט רש"י: "אמר לו עכשיו הוא אלקי השמים ואלקי הארץ", אז אברהם האט דאס דא געזאגט א צווייטן מאל, (דאס איז ניט וואס ער האט פריער געזאגט, נאר ער האט דאס געזאגט נאכאמאל איך אט דער אמירה), אז דאס וואס ס'איז דא א מעלה אין די בנות הכנעני אז זיי געפינען זיך לעבן מיר, איז דאס בלויז וואס איצטער איז דער אויבערשטער אלקי הארץ ווייל איך האב דאס אויפגעטאן, אבער מצד עצמן האבן זיי טאקע ניט קיין שייכות צו דעם, במילא דארף מען נעמען אן אשה ניט מבנות הכנעני נאר מבית אבי דוקא, "אל ארצי ואל מולדתי תלך" – פון אברהם'ס משפחה.

דאס וואס רש"י איז משנה און זאגט "שלא היו באי עולם מכירים בו", אע"פ אז ער האט אנגעהייבן מיט אן אנדער לשון, "שהרגלתיו בפי הבריות", איז דאס ווייל דאס קומט בהמשך צו דעם וואס שטייט פריער (וירא כא, לג) "ויקרא שם בשם הוי' א-ל עולם", ווי רש"י זאגט דארטן אז "ע"י אותו אשל נקרא שמו של הקב"ה אלוקה לכל העולם", ווארום אברהם האט זיי געזאגט "ברכו למי שאכלתם משלו כו' משל מי שאמר והי' העולם אכלתם", ד.ה. אז אברהם האט גע'פועל'ט אז אין "עולם" זאל זיך אנהערן אלקות, בהמשך לזה זאגט רש"י דעם לשון "באי עולם", אז אברהם אבינו האט אויפגעטאן מיט די "באי עולם", אז ס'זאל זיך אנהערן "שם הוי' א-ל עולם", ד.ה. אז מיט'ן לשון "באי עולם" איז רש"י מרמז אויף דעם וואס עס שטייט פריער "ויקרא שם בשם הוי' א-ל עולם".

עפ"ז איז פארשטאנדיק דער גאנצער ענין: אליעזר האט געפרעגט ביי אברהם'ן פארוואס קען ער ניט זוכן אן אשה מבנות הכנעני, אז דו אליין זאגסט דאך אז דער אויבערשטער איז "אלקי הארץ"? ובפרט אז דו האסט אליין געזאגט "אשר אנכי יושב בקרבו", אז זיי געפינען זיך לעבן דיר, זיינען זיי אונטער דיין השפעה, האבן זיי גאר א מעלה?

האט אים אויף דעם אברהם געענטפערט: "ה' אלקי השמים אשר לקחני מבית אבי וגו'", אז "עכשיו וכו'", ד.ה. אז דאס וואס איך האב פריער געזאגט "אלקי השמים ואלקי הארץ" האב איך געמיינט צו זאגן אז בלויז איצטער איז דער אויבערשטער "אלקי הארץ", אבער

– בעצם איז ער –



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ב א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 172 הודפס ע"י או

בעצם איז ער בלויז "אלקי השמים", במילא וויל איך ניט מבנות הכנעני; וואס דערפאר האט אברהם צוגעלייגט די ווערטער "אלקי השמים ואלקי הארץ", אע"פ אז ס'וואלט געווען גענוג זאגן "ה'" אליין, ועד"ז דעם צווייטן מאל וואס ער האט צוגעלייגט "אלקי השמים" - ווייל ער האט אים געוואלט אויסטייטשן דעם טעם פארוואס ער וויל ניט מבנות הכנעני.

אבער אליעזר האט דאס פריער ניט פארשטאנען ווייל ער האט געמיינט אז דאס וואס אברהם האט צוגעלייגט "אלקי השמים ואלקי הארץ" איז לחיזוק הענין ווייל בשעת מ'דערמאנט דעם אויבערשטנ'ס נאמען גיט מען צו א תואר וכו', ע"ד ווי מ'געפינט פריער ביי מלכי צדק מלך שלם אז ער האט געזאגט (לך יד, יט) "ברוך אברם לא-ל עליון קונה שמים וארץ", ועד"ז האט אברהם געשווארן (שם, כב) "הרימותי ידי אל ה' א-ל עליון קונה שמים וארץ", אע"פ עס איז א [illegible] אז אפילו אויב מ'וואלט ניט געזאגט "קונה שמים וארץ", נאר סתם "א-ל עליון", וואלט מען אויך געוואוסט וועמען מ'מיינט, אעפ"כ האט מען מוסיף געווען "קונה שמים וארץ"; איז עד"ז דא, האט אליעזר געמיינט אז מיט די ווערטער "אלקי השמים ואלקי הארץ" האט אברהם אבינו געמיינט מוסיף זיין א תואר וכו' און דאס וואלט מחזק געווען די שבועה, כאטש אז צוליב אליעזר'ן וואלט ער דאס ניט געדארפט - און דערפאר האט ער געפרעגט די שאלה.

דער אמת איז אבער אז ערמיט האט אברהם געמיינט מסביר זיין פארוואס ער וויל ניט נעמען אן אשה מבנות הכנעני, ווי ער האט עס דערנאך אויסגעטייטשט מפורש אין דעם אנדערן פסוק.

דערפאר ברענגט רש"י אויך "ואשיבך וגו'", ווייל ער וויל מדגיש זיין אז דרך אגב ווערט אויך באווארנט די אנדער קשיא, פארוואס ס'דארף בכלל שטיין עפעס נוסף אויף "ה'", וואס דאס ווערט דאך מער מוקשה מצד דעם וואס דאס האט ער באשווארן אליעזר'ן - דער וואס איז "דולה ומשקה מתורת רבו" - וואלט ער געוואוסט וועמען מ'מיינט, אפילו אן קיין שום תואר - וואס דאס מיינט רש"י צו זאגן מיט'ן ברענגען "ואשיבך" (אז דאס האט ער באשווארן אליעזר'ן); און אויף דעם איז דער תירוץ, אז ער האט געוואלט זאגן אז דאס וואס ער איז "אלקי הארץ" איז בלויז ווייל "הרגלתיו וכו'".

און דאס וואס רש"י איז מעתיק די ווערטער "מבית אבי", איז דאס ווייל די ווערטער פארענטפערן נאך א קשיא: אליעזר האט אויך געפרעגט אז אויב "לא תאבה האשה ללכת אחרי גו' ההשב אשיב בנך אל הארץ אשר יצאת משם", און דערויף האט אים אברהם געענטפערט "השמר לך פן תשיב את בני שמה", אז ער זאל דאס ניט טאן, נאר ער זאל נעמען פון דארטן אן אשה און ברענגען איר דא צו יצחק; ולכאורה איז ניט פארשטאנדיק: פארוואס האט אברהם בדוקא ניט געוואלט אז יצחק זאל גיין אהינצו, ממה-נפשך, אויב ס'געפעלט עם די מיידל איז פארוואס געפעלט עם ניט די סביבה?

- אויף דעם האט -

הנחת הת' בלתי מוגה



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ב א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 173 הודפס ע"י או

אוצר החכמה

אויף דעם האט אברהם געענטפערט "ה׳ אלקי השמים אשר לקחני מבית אבי", אז כשלקחני מבית אבי איז דער אויבערשטער געווען בלויז "אלקי השמים", און אזוי איז דאס געבליבן איצטער אויך, אז אין בית אבי איז דער אויבערשטער בלויז "אלקי השמים" אבער ניט "אלקי הארץ", ווארום דער גאנצער טעם וואס דער אויבערשטער איז געווארן "אלקי הארץ" איז געקומען נאר דורך דער עבודה פון אברהם׳ן וואס ער האט אויפגעטאן "ויקרא שם בשם הוי׳ א-ל עולם", און אברהם אבינו האט אנגעהייבן אט די ארבעט, בשעת ער איז אוועק פון חרן, ווען "לקחני מבית אבי", בשעת דער אויבערשטער האט אים געזאגט "לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך וגו׳", דעמאלט האט ערשט אבדהם אנגעהייבן מפרסם זיין אלקות בעולם, כמ"ש (לך יב, ח-ט) "ויט אהלה וגו׳ ויקרא בשם ה׳ ויסע אברהם וגו׳", ביז "ויקרא שם בשם הוי׳ א-ל עולם" ע"י האשל, אבער אלץ בשעת ער איז אוועק פון חרן; הייסט עס דאך אז אין חרן, בבית אבי, וואו אברהם האט ניט געטאן אט די עבודה, איז דער אויבערשטער נאר "אלקי השמים", במילא וויל ניט אברהם אז יצחק זאל גיין קיין חרן;

דערפאר לייגט צו רש"י די ווערטער "אבל כשלקחני מבית אבי הי׳ אלקי השמים", אז וויבאלד "לקחני מבית אבי" ווען דעד אויבער-שטער איז נאך געווען "אלקי השמים", איז דאך איצטער דארטן אויך אזוי, ובמילא וויל ער ניט אז יצחק זאל אהין גיין, נאר אליעזר מוז ברייננגען רבקה׳ן קיין ארץ כנען, וואו אברהם האט אויפגעטאן עס זאל זיין "ה׳ אלקי השמים ואלקי הארץ", דורך דעם וואס ער האט דאס געפועל׳ט ביי די "באי עולם", ועל ידיהם איז דאס אנגעקומען צו אלעמען, אויך "בפי הבריות".

אוצר החכמה